# גרויסע הונגער באטראפן דאס לאנד, צווינגט אברהם אבינו צו פארלאזן כנען

אן ערענסטע הונגער האט גאר שטארק באטראפן דאס לאנד כנען אלע געשעפטן זענען אויסגעליידיגט, די שעלפס זען ליידיג נישט דא קיין שום עסן מען האט פראבירט צו ברענגען פרישע אבער עס איז נישט דא מער. די קאמפאני׳ס מעלדן אז דערווייל ווען אלע ארבייטערס בלייבן אין שטוב צוליב דעם וואס מען קען נישט מאכן קיין שום פראדוקטן, אברהם אבינו וואס איז קוים אנגעקומען וועט פארלאזן דאס לאנד און גיין קיין מצרים.

# ביים גרעניץ פון מצרים געפונען א מענטש אין א באקס

מצרים: ווען די גרעניץ וועכטער האבן באקוקט שטרענג אלע פעקלעך פון אברהם אבינו איז געפונען געווארן אין איין פעקל די באבע שרה, זי איז תיכף אפגעפירט געווארן צום קעניג׳ס פאלאץ. אויפן דירעקטן פארלאנג פון די ראטגעבער׳ס ביים קעניג. אברהם אבינו נישט באשטראפט געווארן פארן אריין לייגן א מענטש אין א באקס.

# פרעה דער קעניג פון מצרים כאפט ברוטאלע קלעפ

מצרים: ווען שרה אמנו ווערט אויפגעהאלטן ביים קעניג אין פאלאץ באווייזט זיך א מלאך צום קעניג פרעה און הייסט איהם שוין אהיים שיקן שרה אבער אזוי ווי דער קעניג האט זיך פארזוימט האט שרה געזאגט פארן מלאך שלאג איהם. תיכף נאכן פארלאנג פון שרה האט דער קעניג געכאפט ברוטאלע קלעפ, אזוי האט שרה געזאגט שלאג נאך און נאך, ענדליך נאך דעם וואס פרעה איז געווען גוט צוקלאפט און צובאלט האט פרעה בלית ברירה צוריק געשיקט שרה צו אברהם און דער קעניג האט מיטגעשיקט אסאך מתנות פאר אברהם אבינו שעפעלעך ציגעלעך און נאך. אברהם אבינו איז געווארן ארוים באגלייט מיט א שטרענגע וואך ביז צום פארלאזן דאס לאנד מצרים.

# מחלוקה צווישן פאסטוכער ברעכט אויס איבער א גניבה

פאסטוכער פון אברהם אבינו האבן נישט פארשוויגן דאס געמיינע אויפפירונג פון לוט׳ס פאסטוכער איבער׳ן אריין גיין צו פרעמדע פעלדער און לאזן די בהמות עסן דערפון, ביי אברהם זענען די מויל פון די קעמלען פארשלאסן. מחלוקה צווינגט אברהם אבינו זיך צו שיידן פון לוט, זיי האבן זיך געזעגנט בשלום.

ארויסגעגעבן דורך "וועד הכנסת אורחים" דסאטמאר קינדערגארטן וויליאמסבורג שנת תשע"א לפ"ק

## לוט ווערט פארכאפט דורך די פינף גרויסע קעניגן וואס פירט אריין אברהם אין מלחמה

עס איז געווארן א מלחמה מיט די פינף קעניגן אקעגן די מלכי סדום און אינמיטן די מלחמה איז לוט אברהם אבינו שוואגער פארכאפט געווארן דורך די פינף קעניגן.

## מלחמה מיט פינף גרויסע קעניגן ענדיגט זיך מיט גרויס זיג

ווען אברהם אבינו האט געהערט די נייעס אז לוט איז פארכאפט געווארן איז ער ארויס אין מלחמה מיט די פינף קעניגן און ער פאלט זיי איבער מיט זאמד שטעלט זיך ארויס אז דאס ווערט גאר שעדליכע שטיינער מיט שפיזן דאס פארטרייבט אינגאנצן אלע קעניגן מיט די סאלדאטן לוט ב"ה צוריק בשלום און ווי ערווארטעט איז געווען מינימאלע קליינע שאדנ'ס.

## א גרופע פון דריי אינטערסאנטע פארשוינען באזוכן ביי אברהם אבינו

אלוני ממרא: א צוזאמשטעל פון דריי מענטשן א סוחר, א שיפ'ס קאפיטאן, און אן אראבער, קומען אן צום הכנסת אורחים פון אברהם אבינו, און ווערן גאר שיין אויפגענומען מיט צינג פלייש און א ספעציעלע מאלצייט, דער קליינער ישמעאל פירט אן מיט די סדרנים אז אלעם זאל קלאפן אויפן בעסטן פארנעם, גלייך ביים אנקומען איז אברהם אבינו אויסגעהיילט פון זיינע וואונדען עס איז געווען אן אינטערסאנטע געשעעניש, ווי אויך זאגן זיי אז שרה וועט ביז א יאר האבן א יונגל בעיבי.

## געפערליכע היצן אין ממרא שטעלט נישט אפ הכנסת אורחים פון אברהם אבינו

ממרא: געפערליכע היצן האבן באטראפן ממרא, אבער עס שטעלט נישט אפ די אנגייענדע הכנסת אורחים פון אברהם אבינו, כאטש זיינע שוואכע כוחות. אבער עס שטעלט זיך אוים אז די היצן האבן געהאלטן די מענטשן אינדערהיים און עס איז נישט דא קיין מענטשן אויפן גאס. אבער אברהם אבינו זיצט ביים טיר אוןווארט אויף געסט.

## הכנסת אורחים פון אברהם אבינו מעלדט

ממרא: עס איז ביי אונז שטענדיג גרייט אלע פיינע גוטע עסן פאר סיי ווער סיי ווען. אדרבה קומט אריין און ציינגט אייך אליין איבער עס ווערט סערווירט עסן צו א יעדע צייט מען קען אריין קומען פון אלע פיר זייטן פונעם געצעלט ווי אויך האבן מיר

צוגעשטעלט א פלאץ צו זיצן אונטערן לופטיגן בוים אבער איידער מען גייט ארויס דארף מען דאנקען דעם באשעפער פאר די אלע פיינע עסן און טרינקען און גוטע זאכן.

## אומדערהערטע אויפפירונג מיט מענטשן אין די שטאט סדום

סדום: ווען מענטשן דרייען זיך אויף די גאסן אין סדום און זוכן עסן אדער טרינקען ווערן זיי שטארק צושלאגן און צוקלאפט דורך די איינוואוינער פון סדום, עס האט פאסירט אז מען האט אנגעשמירט א מיידל וואס האט געגעבן צו עסן פאר א ארימאן מיט האניג און ארויף געלייגט אויפן דאך די בינען האבן איר שטארק צוביסן. עס איז נישט ערלויבט צו געבן עסן פאר פרעמדע מענטשן און אויך נישט צו טרינקען. אז איינער כאפט קלעפ פון א מענטש אויפן גאס און מען רופט פאליציי קומען זיי און געבן צו נאך קלעפ.

## מאסן פראטעסט ביי לוט'ס הויז פארן אריין נעמען געסט..

סדום: עס איז נישט ערלויבט אריין צו נעמען קיין פרעמדע מענטשן פאר געסט. לוט האט יא אריינגענומען, ווען לוט'ס ווייב גייט בארגן זאלץ ביי די שכינים ווערט מען געוואויר אז ער האט געסט און עס ברענגט גרויס אויפברויז אויף לוט עס ווערט א גרויסע פארזאמלונג ביי זיין הויז, מען פראבירט זיך צו בעטן ביי לוט ארויס צו געבן די מענטשן אבער אן ערפאלג ווען מען הייבט אן צו צוברעכן דעם טיר פאסירט א געשעניש אז מען זעהט נישט פאר די אויגן גארנישט און מען קען נישט טרעפן דעם טיר טייל אירע קענען זיך נישט רירן דאס צווינגט צו פארלאזן דאס פלאץ אן פארטרייבן די געסט.

## לוט'ס שתדלנות ביי זיינע צוויי איידעמער אן ערפאלג

איידער לוט גייט ארויס פון סדום בעט ער זיינע צוויי איידעמער זיי זאלן מיט קומען מיט איהם אבער זיי ווילן נישט ארויס גיין פון סדום נאר בלייבן מיט די שלעכטע מענטשן.

## שטאט סדום ווערט איבערגעדרייט און פארניכטעט בלויז 3 איבערלעבער

פלוצלונג האט זיך דער שטיין אויף וואס די שטאט סדום האלט זיך איבערגעדרייט געווארן דורכן מלאך וואס דער באשעפער האט געשיקט און די גאנצע לאנדווירטשאפט און ארום איז געווארן פארניכטעט. אין געציילטע מינוטן איז געווען גרויסע פלאמען פון פייער און שוועבל פון הימל פון אלע זייטן — לוט מיט זיין ווייב און צוויי קינדער פארבעטן זיך נאך אנצוקומען און אוועק לויפן פון שטאט.

## א פרישע בארג זאלץ האט זיך אנטפלעקט לעבן סדום

דער באשעפער האט געזאגט אז מען טאר נישט צוריק קוקן ווי די שטאט ווערט פארניכטעט אבער לוטס ווייב האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ווען זי האט נישט געפאלגט די מלאכים און זי האט זיך אויסגעדרייט צו די שטאט סדום. און צוריק געקוקט איז זי געווארן א שטיק זאלץ. דעם עונש האט זי באקומען וויל זי האט נישט געוואלט געבן זאלץ פאר די מלאכים ווען זיי זענען געווען אין שטוב.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

## גרויסע שמחה און שטוב פון אברהם און שרה צום געבורט פון זייער נייע אינגל בעיבי

ווי שוין באריכט ביי אונז אין בולעטין אז די געסט ביי אברהם האבן געזאגט אז שרה וועט האבן א קינד יעצט איז דאס געווארן מקוים עם הערשט א גרויסע איבערראשונג אז א פארפאלק ביי די הונדערט יאר איז געהאלפן געווארן עס וועט געמאלדן ווערן די פרטים איבערן קרי"ש לייענען ווען די קינדער וועלן גיין, און די גרויסער וואכנאכט און די ברית וועלן פארקומען בבית מדרשו פון אברהם אבינו.

## גרויסער סעודת ברית אפגעראכטן בבית אברהם אבינו

פולע געסט מכל קצוי תבל זענען געקומען צו פארן צו די סעודת ברית פון אברהם אבינו'ס ניי געבוירן קינד, גרויסע הערן פון אלע קעניגליכע הויפן זענען געקומען אפגעבן זייער מזל טוב וואונטשן פערזענדליך צום ברית פונעם נייעם אינגל בעיבי יצחק. א גאר רייכע סעודה איז סערווירט געווארן פאר אלע באטייליגטע. אויך ווערט געמאלדן אז פיל פרויען זענען געהאלפן געווארן אינאיינעם מיט שרה אמנו.

## שישו ושמחו בשמחת רבינו

## ישמעאלווארפט קליינע שטיינער אויף יצחק אבינו... הגר מיט ישמעאל ווערן פארשיקט

גרוים אויפברויז ביי שרה אמנו נאכן זעהן ווי ישמעאל טשעפעט מיט איר יצחק און שטערט איהם שטארק מיט זיין לערנען, שרה האט פארלאנגט ביי אברהם אבינו באלדיגע שריט און אוועק שיקן הגר מיט ישמעאל. אברהם האט זיי פארשיקט מיט ברויט און וואסער.